# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְן פֵּרוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

אויף די פרשה און ענייני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

לוח עמוד היומי בזוה"ק – פר' שמיני

| חלק י – פרשת ויקרא | | |
|---|---|---|
| יום | וילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | ו ע"ב | נז–סג |
| שני | ז ע"א | סג–סט |
| שלישי | ז ע"ב | סט–עה |
| רביעי | ח ע"א | עה–פא |
| חמישי | ח ע"ב | פא–פז |
| שישי | ט ע"א | פז–צג |
| שב"ק | ט ע"ב | צג–צט |

עלון מס' 126 | פסח תשפ"ג

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

## צריכים לשמוח בליל הסדר מקבלת ההארות הנפלאות

**עַל דָּא** על כן לפי שיש יחוד עליון שלא על ידינו, לכן **אִשְׁתַּנֵּי לֵילְיָא דָּא מִכָּל שְׁאָר לֵילָוָן** נשתנה לילה הזה מכל שאר הלילות, בכל הענינים שאנו עושים בלילה הזה יותר משאר לילות של שאר המועדים, (ה"ג הסט"ל) **וּבָעֵינַן לְמֶעְבַּד שִׁנּוּיָיא בְּכֹלָּא** לכן אנו צריכים לעשות שינוים בכל הענינים, כדי לרמוז על השתנות סדר האורות הבאים שלא בהדרגה, **וּלְמֶחְדֵי בְּהַאי לֵילְיָא** וצריכים לשמוח בלילה הזה, בהארות הנפלאות שמקבלים על ידי המוחין בלילה הזה, **בְּגִין דְּחֶדְוָותָא הוּא לְעֵילָּא וְתַתָּא** לפי שעתה יש שמחה למעלה ולמטה. (אמור דף צה ע"ב, ובביאורינו כרך יא עמ' תצט)

## המצה היא רפואה רוחנית וקבלת האמונה

**כַּד נָפְקוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם** כשיצאו ישראל ממצרים **לָא הֲווֹ יָדְעֵי עִקָּרָא וְרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא** לא היו יודעים עיקר וסוד האמונה, **אָמַר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יִטְעֲמוּן יִשְׂרָאֵל אַסְוָותָא** אמר הקב"ה יטעמו ישראל את המצה שהיא רפואה מדעות כוזבות ועבודות זרות שעבדו במצרים, וסגולתה לקבל עליו אמונה שלימה ועול מלכות שמים ועול המצות, **וְעַד דְּיֵיכְלוּן אַסְוָותָא דָּא לָא יִתְחֲזֵי לְהוֹן מֵיכְלָא אַחֲרָא** ועד שיאכלו רפואה זו של המצה לא יראה להם מאכל אחר דהיינו חמץ, לכן נאסר החמץ בפסח בבל יראה ובבל ימצא, **כֵּיוָן דְּאָכְלוּ מַצָּה דְּאִיהִי אַסְוָותָא** כיון שאכלו את המצה שהיא הרפואה להתרפאות מכל תחלואי דעות משובשות של מצרים, ועוד שהוא

אידיש

### אִינֶעם סֵדֶר נַאכְט דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן בַּאקוּמֶען דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הֶאָרוֹת

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, דֶעריבֶּער, וְוייבַּאלְד עֶס אִיז יֶעצְט פֶּסַח בַּאנַאכְט דָא אַ יִחוּד עֶלְיוֹן וָואס קוּמְט נִישְׁט דוּרְךְ אוּנְז, דֶעריבֶּער אִיז דֶער נַאכְט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעכְט, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים וָואס מִיר טוּעֶן אִין דֶעם נַאכְט מֶער וִוי אִין דִי אַנְדֶערֶע נֶעכְט פוּן דִי אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים, דֶעריבֶּער דַארְפְן מִיר מַאכְן עֶנְדֶערוּנְגֶען אִין אַלֶע עִנְיָנִים, כְּדֵי צוּ מְרַמֵּז זַיין אוֹיף דֶעם וָואס עֶס וֶוערְט אַנְדֶערְשׁ דֶער סֵדֶר פוּן דִי אוֹרוֹת, וָואס זֵיי קוּמֶען אָן נִישְׁט בְּהַדְרָגָה, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ פְרֵייעֶן אִין דֶעם נַאכְט, מִיט דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הֶאָרוֹת וָואס מִיר בַּאקוּמֶען אִין דֶער נַאכְט דוּרְךְ דִי מוֹחִין, וַוייל יֶעצְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן.

### דִי מַצָּה אִיז אַ רוּחְנִיוּתְ'דִיגֶע הֵיילוּנְג אוּן קַבָּלַת הָאֱמוּנָה

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶער עִיקָר אוּן דֶער סוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה. הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, זָאלְן דִי אִידְן טוֹעֶם זַיין דֶעם מַצָּה וָואס דָאס אִיז אַ רְפוּאָה פוּן פַאלְשֶׁע מֵיינוּנְגֶען אוּן פוּן דִי עֲבוֹדוֹת זָרוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט אִין מִצְרַיִם, אוּן אִיר סְגֻלָּה אִיז אַז דוּרְכְדֶעם נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי אֱמוּנָה שְׁלֵמָה אוּן דֶער עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם אוּן דֶער עוֹל מִצְוֹת, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאפוֹילְן אַז ווִילַאנְג זֵיי עֶסְן דֶעם הֵיילוּנְג פוּן דִי מַצָּה זָאל בַּיי זֵיי נִישְׁט גֶעזֶען וֶוערְן קַיין אַנְדֶער עֶסְנְוַוארְג, וָואס דָאס אִיז דֶער חָמֵץ, דֶערְפַאר אִיז דֶער חָמֵץ גֶע'אַסְרְ'ט גֶעוָוארְן אוּם פֶּסַח אַז עֶס זָאל נִישְׁט גֶעזֶען וֶוערְן אוּן נִישְׁט גֶעפִינֶען וֶוערְן בַּיי קַיין אִיד, וַוייל ווִיבַּאלְד דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי מַצָּה וָואס דָאס אִיז דִי רְפוּאָה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק פוּן דִי פַארְקְרוּמְטֶע מֵיינוּנְגֶען פוּן דִי מִצְרִיִים, אוּן נָאכְמֶער, אַז עֶס אִיז מְסֻגָּל אַרַיינְצוּגֵיין דוּרְךְ אִיר אִינֶעם סוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, דֶעריבֶּער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אִיז שׁוֹין דֶער חָמֵץ פַּאסִיג פַאר זֵיי, אוּן זֵיי קֶענֶען עֶס עֶסְן וַוייל עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט שֶׁעדִיגְן,

מסוגל **לְמֵיעַל וּלְמִנְדַּע בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא** ליכנס ולדעת על ידי המצה בסוד האמונה שהיא קבלת עול מלכות שמים, **אָמַר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, מִכָּאן וּלְהָלְאָה אִתְחֲזֵי לוֹן חָמֵץ וְיֵיכְלוּן לֵיהּ דְּהָא לָא יָכִיל לְנַזְקָא לוֹן** אמר הקב"ה מכאן ואילך ראוי להם החמץ ויאכלו אותו כי כבר לא יכול להזיק להם, לפי שבפסח שהיו עדיין חולים בתחלואי מצרים אז אם יאכלו חמץ יעוררו את כח הקליפות, לכן היו צריכים להבדל ממנו, אבל אחר שנתרפאו ישראל ע"י אכילת המצה שוב לא יזיק להם החמץ ואין טעם לאסור אכילתו. (תצוה דף קפג ע"ב, ובביאורינו כרך ח עמ' נב-נג)

## הד' כוסות הם כנגד אותיות השם הוי"ה

**כְּדֵין** אז כשהארת חסד גבורה תפארת שבו כלולים הנצח הוד יסוד מאירים אל המלכות [שכינה], הם נרמזים בסוד **אַרְבָּעָה כּוֹסוֹת** שהם כנגד **אַרְבַּע גְּאוּלוֹת** כנגד ד' לשונות של גאולה, דהיינו והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי, שהם כנגד חסד גבורה תפארת מלכות וכנגד ד' אותיות השם הוי"ה, ומפרש כוס של **קִידּוּשׁ עַל הַיַּיִן** הוא **לְקִבְלֵיהּ דְּדָוִד** כנגד דוד המלך שבמלכות, הכוס של **הַגָּדָה** הוא **לְקִבְלֵיהּ דְּיַעֲקֹב** כנגד יעקב שבתפארת, הכוס של **בִּרְכַּת הַמָּזוֹן** הוא **לְקִבְלֵיהּ דְּיִצְחָק** כנגד יצחק שבגבורה, הכוס של **הַלֵּל הַגָּדוֹל** הוא **לְקִבְלֵיהּ דְּאַבְרָהָם** כנגד אברהם שבחסד, הרי הם נחשבים **מִתַּתָּא לְעֵלָּא סָלֵיק כְּגַוְונָא דָא** מלמטה למעלה עולה בזה האופן הנזכר. ואמר עוד **מַצָּה** הוא **לְקִבְלֵיהּ דְּדָוִד** כנגד דוד שבמלכות.
(זהר חדש כי תשא דף נה ע"ב, ובביאורינו כרך ב עמ' שלד)

## הטעם לציווי השי"ת ואתם תחרישון

**תָּא חֲזֵי, הָכָא כַּד אִתְקְרִיב פַּרְעֹה לְאַגָּחָא קְרָבָא בְּהוּ בְּיִשְׂרָאֵל** בא וראה כאן אצל הים כאשר נתקרב פרעה לעשות מלחמה בישראל, **בְּהַהוּא זִמְנָא לָא בָּעֵי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּיִתְעֲרוּן יִשְׂרָאֵל אִתְעֲרוּתָא לְתַתָּא כְּלָל** באותו הזמן לא רצה הקב"ה שיעוררו ישראל שום התעוררות מלמטה כלל, אפילו בתפלה וצעקה מפני שמצדם לא היו ראוים להנצל, ואם הם יעוררו בתפלה שצריכה לעלות דרך עליית העולמות ולבקוע בין החיצונים, אז יתעוררו המקטרגים כנגדם ותתעורר

## אידיש

וַוייל אִין פֶּסַח וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְרַאנְק מִיט דִי קְרֶענְק פוּן דִי מִצְרַיִים, דֶעמָאלְטְס אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי עֶסְן חָמֵץ וֶועלְן זֵיי מְעוֹרֵר זַיין דֶער כֹּחַ פוּן דִי קְלִיפּוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּשֵׁיידְן דֶערְפוּן, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן דוּרְכְן עֶסְן דִי מַצָּה, וֶועט זֵיי דֶער חָמֵץ שׁוֹין מֶער נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין סִבָּה צוּ אַסְרְ'ן דָאס עֶסְן דֶעם חָמֵץ.

### דִי פִּיר כּוֹסוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דֶעמָאלְטְס, וֶוען דִי הֶאָרָה פוּן דִי בְּחִינוֹת פוּן חֶסֶד, גְּבוּרָה אוּן תִּפְאֶרֶת, וָואס אִין דֶעם אִיז כָּלוּל דִי בְּחִינוֹת פוּן נֶצַח, הוֹד אוּן יְסוֹד, טוּעֶן לַייכְטְן צוּ דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת [שְׁכִינָה], זֶענֶען זֵיי מְרֻמָּז אִינֶעם סוֹד פוּן דִי פִּיר כּוֹסוֹת, וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִּיר לְשׁוֹנוֹת פוּן גְּאֻלָּה, דָאס זֶענֶען "וְהוֹצֵאתִי", אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְנֶעמֶען, "וְהִצַּלְתִּי", אוּן אִיךְ וֶועל רַאטֶעוֶוען, "וְגָאַלְתִּי", אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְלֵייזְן, "וְלָקַחְתִּי", אוּן אִיךְ וֶועל נֶעמֶען, וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי בְּחִינוֹת פוּן חֶסֶד, גְּבוּרָה, תִּפְאֶרֶת אוּן מַלְכוּת, אוּן אַנְטְקֶעגְן דִי פִּיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה. אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, דֶער כּוֹס פוּן קִדּוּשׁ וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף דִי וַויין, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דָּוִד הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, דֶער כּוֹס פוּן דִי הַגָּדָה אִיז אַנְטְקֶעגְן יַעֲקֹב וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת, דֶער כּוֹס פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִיז אַנְטְקֶעגְן יִצְחָק וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פוּן גְּבוּרָה, אוּן דֶער כּוֹס פוּן הַלֵּל הַגָּדוֹל אִיז אַנְטְקֶעגְן אַבְרָהָם וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד. זֶעעֶן מִיר אַז זֵיי וֶוערְן גֶערֶעכְנְט פוּן אוּנְטְן אוֹיף אַרוֹיף, אוּן עֶס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן שְׁטֵייגֶער. אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ לֵייגְט צוּ, אַז דִי מַצָּה אִיז אַנְטְקֶעגְן דָּוִד וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת.

### דֶער טַעַם פַארְוָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאפוֹילְן דִי אִידְן "וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן"

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, קוּם אוּן זֶע, דָא בַּיים יָם, וֶוען פַּרְעֹה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי אִידְן, הָאט דֶעמָאלְטְס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן מַאכְן קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת פוּן אוּנְטְן, אוּן זֵיי זָאלְן אֲפִילוּ נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן שְׁרַייעֶן, ווייבַּאלְד פוּן זֵייעֶר זַייט זֶענֶען זֵיי נִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי מְעוֹרֵר זַיין דוּרְךְ תְּפִילָּה, וָואס דָאס דַארְף אַרוֹיפְגֵיין דוּרְךְ דִי עֲלִיַּית הָעוֹלָמוֹת אוּן עֶס דַארְף דוּרְכְשְׁפַּאלְטְן צְוִוישְׁן דִי חִיצוֹנִים, דֶעמָאלְטְס וֶועלְן דִי מְקַטְרְגִים נִתְעוֹרֵר וֶוערְן אַנְטְקֶעגְן

מדת הדין, ועוד **דְּהָא אִתְעֲרוּתָא לְעֵילָּא הוּא** כי כבר היתה התעוררות למעלה, והיינו **דְּהָא אֲבָהָן אַקְדִּימוּ וְאִתְעֲרוּ אִתְעֲרוּתָא דָּא לְעֵילָּא** כי האבות הקדימו והעירו התעוררות זו למעלה, **וּזְכוּתָא דִּלְהוֹן קָאִים קַמֵּיהּ** וזכות שלהם עמד לפניו להציל את בניהם, (והנה משמע שהדבר שנעשה לאדם בזכות אבות הוא טוב ואין בו כל כך קטרוג כמו בדבר שנעשה בבקשה ובתפלה), **וְלָא בָּעָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּיִשְׂרָאֵל יִתְעָרוּן לְתַתָּא כְּלָל** ולא רצה הקב"ה שישראל יעוררו מלמטה שום התעוררות כלל על ידי צעקה ותפלה **הָדָא הוּא דִּכְתִיב יהו"ה יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן** פירושו **תַּחֲרִישׁוּן וַדַּאי** ממש, שציום שישתקו מפני שצעקתם קרובה לקלקל ורחוקה מלתקן, **וְלָא תַתְעֲרוּן מִלָּה דְּלָא אִצְטְרִיךְ לְכוּ** ולא תעוררו דבר שאין צריך לכם. (בשלח דף מז ע"ב, ובביאורינו כרך ה עמ' תקיח תקיט)

## למה קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף

**תְּנִינָן, דְּקָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו דְּבַר נָשׁ קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא כִּקְרִיעַת יַם סוּף [וכו'] וְכִי קְרִיעַת יַם סוּף קָשֶׁה קַמֵּיהּ** וכי קריעת ים סוף היתה קשה לפני הקב"ה, **וְהָכְתִיב גּוֹעֵר בַּיָּם וַיַּבְּשֵׁהוּ** פי' אם יגער בים מיד יתיבשו מימיו, כעין שכתוב (שמות יד כא) וישם את הים לחרבה, וכתיב **הַקּוֹרֵא לְמֵי הַיָּם וַיִּשְׁפְּכֵם עַל פְּנֵי הָאָרֶץ** כעין שכתוב (שם פסוק כז) וישב הים לפנות בקר לאיתנו, ור"ל הלא הקב"ה כל יכול ובמאמרו נעשה הכל, **וְהָא כֵּיוָן דְּסָלִיק** (דף קע ע"ב) **רְעוּתָא קַמֵּיהּ** והרי כיון שעולה רצון לפניו לעשות איזה דבר, **כֹּלָּא קַמֵּיהּ כְּאַיִן הוּא חָשִׁיב** הכל נחשב לפניו כאין, **וְאַתְּ אֲמַרְתְּ דִּקְרִיעַת יַם סוּף קָשֶׁה קַמֵּיהּ** ואתה אמרת שקריעת ים סוף היה קשה לפניו בתמיה.

ומתרץ **אֶלָּא בִּזְמְנָא דְּיִשְׂרָאֵל אַעֲבָרוּ לְגַבֵּי יַמָּא** אלא בזמן שישראל עברו ובאו אל הים, **וּבָעָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְמִקְרַע לוֹן יַמָּא דְּסוּף** ורצה הקב"ה לקרוע להם את ים סוף, **אָתָא רַהַב הַהוּא מְמַנָּא דְּעַל מִצְרַיִם** בא רהב שהוא השר של מעלה הממונה על מצרים, **וּבָעָא דִּינָא מִקַּמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** ובקש מלפני הקב"ה לעשות דין, והיינו

### אידיש

זֵיי און דִי מִדַּת הַדִין וֶועט נִתְעוֹרֵר וֶוערְן. און נָאכְמֶער, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ הִתְעוֹרְרוּת פוּן אויבְן, וִויבַּאלְד דִי אָבוֹת הָאבְּן שׁוֹין מַקְדִים גֶעוֶוען און הָאבְּן עֶרְוֶועקְט דִי הִתְעוֹרְרוּת פוּן אויבְן, און זֵייעֶר זְכוּת אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאְרן אויבֶּערְשְׁטְן צוּ רַאטֶעוֶוען זֵייעֶרע קִינְדֶער (אִיז מַשְׁמַע אַז עֶפֶּעס וָואס וֶוערְט גֶעטוּן צוּם מֶענְטְשׁ דוּרְךְ זְכוּת אָבוֹת, אִיז גוּט, און עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין דֶעם אַזַא קִטְרוּג אַזוֹי וִוי עֶפֶּעס וָואס וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ בַּקָשָׁה און תְּפִלָּה), און דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן מְעוֹרֵר זַיין פוּן אוּנְטְן קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת דוּרְךְ שְׁרַייעֶן און בֶּעטְן, דֶעריבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק "ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן", דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִלְחָמָה הַאלְטְן פַאר אַייךְ און אִיר זָאלְט שְׁוַוייגְן, דָאס מֵיינְט אַז אִיר זָאלְט זִיכֶער שְׁוַוייגְן, דָאס מֵיינְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי בַּאפוֹילְן אַז זֵיי זָאלְן שְׁוַוייגְן וִוִיבַּאלְד זֵייעֶר גֶעשְׁרַיי אִיז נֶענְטֶער צוּ קַאלְיֶע מַאכְן און אִיז וַוייט פוּן צוּ פַארֶערְכְטְן, דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין אַ זַאךְ וָואס עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס פוּן אַייךְ.

### פַארְוָואס אִיז שְׁוֶוער דִי שְׁפַּייז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף

**מִיר** הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אַז דִי שְׁפַּייז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז שְׁוֶוער פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף וְכוּ'. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, און אִיז דֶען דָאס שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם סוּף שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק "גּוֹעֵר בַּיָּם וַיַּבְּשֵׁהוּ", גְלַייךְ וֶוען דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער טוּט אָנְשְׁרַייעֶן דֶעם יָם וֶועלְן דָאךְ זַיינֶע וַואסֶערְן פַארְטְרִיקְנְט וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיָּשֶׂם אֶת הַיָּם לֶחָרָבָה", און עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם יָם פַאר אַ טְרִיקֶענִישׁ, און נָאךְ אַ פָּסוּק שְׁטֵייט "הַקוֹרֵא לְמֵי הַיָּם וַיִּשְׁפְּכֵם עַל פְּנֵי הָאָרֶץ", עֶר רוּפְט צוּ דִי וַואסֶערְן פוּנֶעם יָם און עֶר גִיסְט זֵיי אוֹיס אִיבֶּערְן פְלַאךְ פוּן דֶער עֶרְד, און אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין פָּסוּק "וַיָּשָׁב הַיָּם לִפְנוֹת בֹּקֶר לְאֵיתָנוֹ", און דֶער יָם הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט פַארְטָאגְס צוּ זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע שְׁטַארְקַייט, זֶעעֶן מִיר אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס און דוּרְךְ זַיינֶע רֵייד וֶוערְט אַלֶעס גֶעטוּן, און וִוי נָאר עֶס קוּמְט אַרוֹיף דֶער ווִילְן פַאר אִים עֶפֶּעס צוּ טוּן, וֶוערְט אַלֶעס פַאר גָארְנִישְׁט גֶערֶעכְנְט אַנְטְקֶעגְן אִים, אוֹיב אַזוֹי, וִויאַזוֹי זָאגְסְטוּ אַז דָאס שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם סוּף אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר אִים.

**עֶנְטְפֶערְט** דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, נָאר, אִינְדֶערְצַייט וָואס דִי אִידְן זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף, און זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם יָם, הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָואלְט שְׁפַּאלְטְן פַאר זֵיי דֶעם יַם סוּף, אִיז גֶעקוּמֶען רַהַב, וָואס עֶר אִיז דֶער שַׂר שֶׁל מַעְלָה וָואס עֶר אִיז מְמֻנֶּה אוֹיף דִי מִצְרַיִים, און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן צוּ מַאכְן אַ דִין, און אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם אויבֶּערְשְׁטְן, הַאר פוּן דִי וֶועלְט, פַארְוָואס ווִילְסְטוּ מַאכְן אַ דִין אִין פַאר דִי

**אָמַר קַמֵּיהּ, מָארֵיהּ דְּעָלְמָא, אַמַּאי אַתְּ בָּעֵי לְמֶעְבַּד דִּינָא עַל מִצְרַיִם וּלְמִקְרַע יַמָּא לְיִשְׂרָאֵל** אמר לפניו רבון העולם למה אתה רוצה לעשות דין במצרים ולקרוע את הים לישראל, **הָא כֻּלְּהוּ חַיָּיבִין קַמָּךְ** הלא כולם הם רשעים לפניך, **וְכָל אָרְחָךְ בְּדִינָא וּקְשׁוֹט** וכל דרכיך הוא בדין ואמת, **אִלֵּין פָּלְחֵי עֲבוֹדָה זָרָה וְאִלֵּין פָּלְחֵי עֲבוֹדָה זָרָה** אלו עובדי עבודה זרה ואלו עובדי עבודה זרה, **אִלֵּין בְּגִלּוּי עֲרָיוֹת וְאִלֵּין בְּגִלּוּי עֲרָיוֹת** אלו חוטאים בגלוי עריות ואלו חוטאים בגלוי עריות (כתב הרמ"ק נראה דלא גרסינן ליה ושגרת לשון איהו, שהרי כולם נבדקו במרה ונמצאו טהורים מאיסור עריות כמבואר במדרשים), **אִלֵּין אוֹשְׁדֵי דָּמִין וְאִלֵּין אוֹשְׁדֵי דָּמִין** אלו שופכים דמים ואלו שופכים דמים, **בְּהַהִיא שַׁעְתָּא הֲוָה קָשֶׁה קַמֵּיהּ לְמֶעְבַּר עַל אֹרַח דִּינָא** באותה השעה היה קשה לפני הקב"ה לעבור על דרך הדין שבו קיום העולם.

**וְהָא יִשְׂרָאֵל הֲווֹ נָטְלֵי עַל יַמָּא** והנה ישראל היו נוסעים על הים, **דִּכְתִיב וַיֹּאמֶר יהו"ה אֶל מֹשֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ** ויכנסו תוך הים ואין הים עומד בפניהם, **וַהֲוָה קָשֶׁה קַמֵּיהּ לְמֶעְבַּר עַל דִּינָא וּלְמִקְרַע לוֹן יַמָּא דְסוּף** והיה קשה לפניו לעבור על הדין ולקרוע להם את ים סוף, **וְאִלְמָלֵא דְּאַשְׁגַּח קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּזְכוּת אַבְרָהָם דְּאַקְדִּים בְּצַפְרָא לְמֶעְבַּד פִּקּוּדָא דְּמָארֵיהּ וּרְעוּתָא דִילֵיהּ** ואם לא שהשגיח הקב"ה בזכותו של אברהם שהקדים בבקר לעשות מצות קונו ורצון שלו **כִּדְכְתִיב וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר,** אז ח"ו **כֻּלְּהוּ אִתְאֲבִידוּ בְּיַמָּא** היו כולם נאבדים בים, **בְּגִין דִּבְכָל הַהוּא לֵילְיָא בְּדִינָא הֲוָה קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֲלַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל** לפי שבכל אותו הלילה היה הקב"ה בדין על ישראל, אלא שהקב"ה השגיח בעקדת יצחק שאז נשבע הקב"ה שלא לכלות את בניו, כמ"ש (בראשית כב טז) בי נשבעתי נאם ה' וגו' והרבה ארבה את זרעך, וגם הבטיח הקב"ה לאברהם בברית בין הבתרים, (שם טו יד) וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, ועוד במדה שדנו את ישראל נדונו כמ"ש (שמות יח יא) בדבר אשר זדו עליהם, ובכח זה קרע הקב"ה את הים לפני בני ישראל. (תרומה דף קע ע"א-ע"ב, ובביאורינו כרך ז עמ' תקכט-תקלה)

## אידיש

מִצְרַיִים און דו ווילסט שְׁפַּאלְטְן דֶעם יָם פַאר דִי אִידְן, זֵיי זֶענֶען דָאךְ אַלֶע רְשָׁעִים פַאר דִיר, און אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן זֶענֶען דָאךְ מִיט דִין און אֱמֶת, זֵיי דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה און זֵיי דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, זֵיי זִינְדִיגְן מִיט גִּלּוּי עֲרָיוֹת און זֵיי זִינְדִיגְן מִיט גִּלּוּי עֲרָיוֹת, זֵיי פַארְגִיסְן בְּלוּט און זֵיי פַארְגִיסְן בְּלוּט. זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז אִין יֶענֶער צַייט אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן עוֹבֵר צוּ זַיין אויפְן שְׁטֵייגֶער פוּן דִין וָואס דוּרְכְדֶעם הַאלְט זִיךְ דִי וֶועלְט.

**זֶענֶען** דִי אִידְן גֶעפָארְן אויפְן יָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ", און דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה, וָואס שְׁרַייסְטוּ צוּ מִיר, רֶעד צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער און זֵיי זָאלְן פָארְן, און זֵיי זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִינֶעם יָם און דֶער יָם וֶועט נִישְׁט שְׁטֵיין בְּלַייבְן פַאר זֵיי. און עֶס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן עוֹבֵר צוּ זַיין אויפְן דִין און צוּ שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם סוּף פַאר זֵיי, און אויבּ נִישְׁט אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט אִינֶעם זְכוּת פוּן אַבְרָהָם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפֶעדֶערְט אִינְדֶערְפְרִי צוּ טוּן דִי מִצְוָה און ווילְן פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר", און אַבְרָהָם אִיז פְרִי אויפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי, דֶעמָאלְטְס וָואלְטְן זֵיי אַלֶע חָלִילָה פַארְלוירְן גֶעוָוארְן אִינֶעם יָם, וַוייל דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן נַאכְט הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער דָן גֶעוֶוען דִי אִידְן, נָאר דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט אִין דִי עֲקֵדַת יִצְחָק, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גֶעשְׁוואוירְן אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְלֶענְדְן זַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בִּי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם ה' וְגוֹ' וְהַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת זַרְעֲךָ", אִין מַיין נָאמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁווָאוירְן, אַזוֹי זָאגְט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער, און אִיךְ וֶועל פַארְמֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער, און אויךְ הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעזָאגְט צוּ אַבְרָהָם בַּיים בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים, "וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי, וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל", און אויךְ דָאס פָאלְק וָואס וֶועט זֵיי מַאכְן אַרְבֶּעטְן, וֶועל אִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן, און דֶערְנָאךְ וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין מִיט אַ גְרוֹיסְן פַארְמֶעגְן, און נָאכְמֶער, אַז מִיטְן זֶעלְבְּן פִירוּנְג וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן צוּ דִי אִידְן, זֶענֶען זֵיי אַלֵיין גֶע'מִשְׁפָּט גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בַּדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם", דֶער זַאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן בֵּייזְווילִיג צוּ דִי אִידְן, אִיז גֶעקוּמֶען אויף זֵיי אַלֵיין, און מִיט דֶעם כֹּחַ הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יָם פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער
(In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך" פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר' יוסף צבי בערגער
(In 6.5/4.5)


פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com